**אַ דורכבראָך אין שנעלע ערהוילונג:**

**פּיין וועלי – די איינציגסטע פּלאַץ טעראַפּי יעדן איינציגן טאָג**

אין אַ געוואַלדיגן דורכבראָך אינעם פעלד פון רעהעביליטאַציע, שטעלט פּיין וועלי צו טעראַפּי פאַר די קליענטן במשך יעדן טאָג אין וואָך. דאָס העלפט באַדייטענד פאַרשנעלערן די טעראַפּי רעזולטאַטן, און קען פיל שנעלער און לייכטער צוריקשטעלן די באַטרעפנדע צו די כוחות זיך צו קענען אַליין באַדינען.

די באַלדיגע, קורץ-טערמיניגע בענעפיטן פון טעראַפּי יעדן טאָג וועכנטליך זענען זעלבסט-פאַרשטענדליך: ערשטנס איילט עס צו דאָס צוריקקומען צו די פיזישע מעגליכקייטן און כוחות, ווייל מען גייט דורך מער טעראַפּי במשך די צייט. אויסער דעם איז גאָר וויכטיג נאָכאַנאַנדע, כסדר'דיגע טעראַפּי, כדי מ'זאָל זיין אין שוואונג, און אָנהאַלטן און בעסער קענען דאָס וואָס מ'האָט שוין געלערנט און פּראַקטיצירט.

טעראַפּי האָט אַסאַך צו טאָן מיט זיך אויסלערנען און געוואוינען צו נוצן פאַרשידענע כוחות, דעריבער, אויב הערט מען אויף דריי טעג טעראַפּי במשך אַ וויק-ענד, האָט מען נישט בלויז פאַרפאַסט דריי טעג, נאָר מען שטעלט אויך איין מיטן צוריקפאַלן און דאַרפן איבערגיין דאָס וואָס מ'האָט שוין פּראַקטיצירט אַ וואָך פריער.

דאָס איז אָבער נישט אַלעס - לעצטע שטודיעס צייגן אַז יעדן טאָג טעראַפּי איז פיל וויכטיגער וויפיל מ'האָט ביז היינט געוואוסט. עס קען ברענגן לעבנסלענגליכע פאַרדינסטן, און העלפן דעם מענטש פיל בעסער פונקציאָנירן במשך זיין גאַנץ לעבן, בעת דאָס פאַרפאַסן עטליכע טעג רעהעביליטאַציע טעראַפּי קען אין אַסאַך פעלער האָבן די פאַרקערטע ווירקונגען חלילה, פון וואָס מ'קעןליידן במשך דעם גאַנץ לעבן.

די מעדיצינישע וועלט קומט מען אַלץ מער צו די אַנערקענונג איבער די וויכטיקייט פון נאָכאַנאַנדע און שנעלע טעראַפּי צו פאַרזיכערן אַז פּאַציענטן ערהוילן זיך שנעל און גוט. איין ביישפּיל איז אַ

באַריכט וואָס איז פאַראַיאָר ערשינען אין די סטראָוק זשורנאַל יאַנואַר 05' אויסגאַבע - אַרויסגעגעבן דורך די באַרימטע אַמעריקאַנער סטראָוק אַסאָסיאַציע – וואָס באַהאַנדעלט טעראַפּי פאַר די וואָס ערהוילן זיך פון אַ סטראָוק. די זשורנאַל באַריכטעט אַז דאָקטוירים אין יאַפּאַן האָבן אויפגעפּאַסט אַ שטוינענדער אונטערשיד צווישן פּאַציענטן וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין אַ טעראַפּי פּראָגראַם במשך זיבן טעג אַ וואָך, קעגן די וואָס זענען דורך טעראַפּי בלויז פינף טעג אַ וואָך.

די יאַפּאַנעזער דאָקטוירים האָט פאַרגליכן די רעזולטאַטן פון סטראָוק פּאַציענטן וועלכע האָבן זיך אנגעשלאָסן אין אַ געוועגליכע 5-טעג טעראַפּי פּראָגראַם, קעגן פּאַציענטן וועלכע מען האָט אָנגעשלאָסן אין אַ פול-טיים זיבן טאָגיגע טעראָפּי פּראָגראַם. ביים אָנהייבן די פּראָגראַמען האָבן פּאַציענטן איןביידע גרופּעס געהאַט ענליכע "פונקציע זעלבסטשטענדיקייט מעסטונגען", אָבער ביים ענדיגן די פּראָגראַמען איז דער אונטערשיד צווישן די צוויי גרופּעס געווען גאָר שטאַרק.

די פּאַציענטן אין די 7-טעג טעראַפּי פּראָגראַם האָבן אין דורכשניט געענדיגט די טעראַפּיס פיל פריער, און ווען מ'האָט זיי אַרויסגעשריבן פונעם רעהעביליטאַציע צענטער איז זייער פונקציע זעלבסשטענדיקייט מעסטונג – וואָס מעסט ווי ווייט זיי האָבן געקענט זיין זעלבסט-שטענדיג און נישט אָנגעוויזן אויף די הילף פון אַנדערע - געווען כמעט דאָפּעלט ווי די זעלבסטשטענדיקייט פון די וואָס האָבן נאָר געמאַכט טעראַפּי פינף טעג.

טראָץ די שטוינענדע געפינסן וועגן די וויכטיקייט פון נאָכאַנאַנדע טעראַפּיס במשך יעדן טאָג אין וואָך, האָבן די פאָרשער פון די שטודיע באַריכטעט אַז סטראָוק פּאַציענטן אין שפּיטעלער און אין רעהעביליטאַציע צענטערן זענען זייער ווייניג צייט באַטייליגט אין טעראַפּי פּראָגראַמען, און ליגן זייער אַסאַך אין בעט, וואָס קען שטאַרק פאַרערגערן זייער שפּעטערדיגע לעבן.

נעמנדיג אין באַטראַכט די געפינסן, איז גאָר גוטע נייעס פאַר די וואָס נויטיגן זיך אין טעראַפּי זיך צו רעהאַביליטירן אַז פּיין וועלי איז דער ערשטער ריהעב צענטער אין די געגנט צו צושטעלן די רעהעביליטאַציע זיבן טעג אַ וואָך, און די מיטגלידער נוצן עס ב"ה אויס. די רעזולטאַטן זענען

שטוינענד. די וואָס קומען קיין פּיין וועלי פּאַר טעראַפּי געניסן פון אַ שנעלע ערהוילונג. זייער אָפּט פאַרלאָזן זיי דעם צענטער פיל שנעלער ווי עס איז געווען פּאָרגעשריבן אָריגינעל.

עס דערציילט אונז דאָקטאָר שאַרמאַ – דער געטרייער, ערפאַרענער הויפּט דאָקטאָר פונעם פּיין וועלי ריהעב צענטער - אַז זיין מוטער איז אַהינגעקומען נאָך אַן אָפּעראַציע מיט די רעקאָמענדאַציע פונעם דאָקטאָר אַז זי וועט דאַרפן דורכגיין זעקס ביז אַכט וואָכן טעראַפּי, אָבער "אַדאַנק די געטרייע טעראַפּיסטן און געלונגענע מעטאָדן איז זי שוין געווען פולקאָם ערהוילט נאָך דריי קורצע וואָכן, און זי האָט פאַרלאָזט דעם צענטער מיט ווייניגער ווי העלפט פון די אָריגינעל פּאָרגעשריבענע צייט."

די 7-טעג טעראַפּי פּראָגראַם איז אַ מוסטער פון די אָנשטרענגונגען פון פּיין וועלי'ס היימישע פּירערשאַפט צו דערגרייכן וואָס עס איז דאָס בעסטע פאַר די טעראַפּי געניסער, אָפּגעזען פון די טירחא און העכערע הוצאות אין וואָס עס ציעט אַריין דאָס אויפהאַלטן די טעראַפּיסטן במשך וויק-ענדס. דאָס שטרייכט אונטער דעם פאַקט וואָס יעדער וואָס געניסט פון זייערע סערוויסעס ווייסט צו דערציילן, אַז אין פּיין וועלי קוקט מען דאָס ערשטע אויף וואָס עס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון די מיטגלידער.

פּיין וועלי רעהעביליטאַציע צענטער וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלן, אויב דאָס איז פאַר די וואוילזיין פון די דאָרטיגע מיטגלידער, זיי זאָלן וואָס פריער צוריקקומען צו די כוחות און אַהיימגיין אויף די אייגענע פיס. מען לייגט אַריין קאָפּ און מח צו צושטעלן דאָס בעסטע און ווירקזאַמסטע אַז ווען די געניסער גייען אַהיים זאָלן זיי זיין זעלבסטשטענדיג, אָן צו זיין אָנגעוויזן אין די הילף און באַדינונגען פון אַנדערע.